# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. XI, No. 9 — 50 CENTS A YEAR — MAY, 1929

## GIVE HIM A NEW TRIAL

Revisions are in vogue at present. We have heard that there is a movement among the Jews to give Baruch Spinoza a new trial and remove from him the excommunication under which he was placed by the rabbis of his time two hundred and fifty years ago. Now comes the news from Greece that there is a movement among the people there to revise the trial of Socrates which took place over twenty-three hundred years ago. According to history Socrates was tried by a jury consisting of five hundred and fifty-seven men. He was accused of heresy because he talked against the idols of Greece. They found him guilty and sentenced him to death. While in prison, awaiting execution, Socrates after his conversation on the immortality of the soul drank the hemlock and passed away with a dignity and calmness becoming his past life.

Now in both these cases the accused ones were given a fair trial. Yet the Greeks have come to the conclusion that their ancestors in sentencing Socrates to death were wrong and they therefore repent of that sin. They do not want to keep silence any longer, causing people to take that as their tacit consent; they do not wish to have a share in that wrong deed by not protesting against it, therefore they have resorted to a revision of the trial.

Now we Jews have to learn from the Greeks and revise the trial of the Lord Jesus Christ our blessed Saviour. That trial cannot be compared to the Socrates trial because it was unlawful. The trial was not carried on according to the laws of God, thru Moses, neither according to the oral laws found in the Talmudic codes of laws. Those leaders, Sanhedrin and Priests were prejudiced and were governed by the bitterness of their hearts. In the night they took Him to judgment. They took Him to trial at night, a thing which was against the Talmudic law then in practice, and early in the morning they hastened to Pilate the Roman Governor and threatening that high official they demanded of him to crucify Christ with speed and great hurry. We Jews are a good people. We are beloved of God because of Abraham his friend. We should not be hated and persecuted by everybody, because God is our Father and He promised to protect us.

But there is one sin which is common to all Jews with few exceptions. It is a national sin. Our fathers did it, and we are committing it unto this day. That national sin is rejecting the Lord Jesus Christ, the promised Messiah whom God sent to deliver us from sin and from troubles. Now this national sin has to be put away. We have to confess before God that it is the sin of our fathers as well as ourselves. If you turn to Lev. 26:40 you will see the truth of this. You read there, "If they shall confess their iniquity and the iniquity of their fathers." We Jews as a nation have to revise the trial of the Lord Jesus and say, "Our hands have not shed this blood neither have our eyes seen it." Deut. 21:7. There in that national sin lies the source of the Jewish question. Not until we Jews as a people repent and do as God has told us to do, namely confess and forsake that national sin, will we be reinstated into God's favor.

A good many of our Jewish brethren because of lack of knowledge are still of the opinion that we suffer persecution only on account of Christianity. They refuse to go by God's word but by their own opinions. Our persecution has nothing to do with people for it all depends upon God's protection in our behalf. "If God be for us who can be against us?" Why did our people suffer in Egypt when there was no Christianity in existence? Why was our first temple destroyed by Nebuchadnezzar about 500 years before Christ was born? It was all because we were not right with God. Therefore it is our duty, for the sake of our own people, to revise that trial of the Lord Jesus Christ, when our ancestors committed the greatest sin in delivering that blessed Son of David and Son of God to the cruel hands of the Romans for the purpose of submitting Him to the unjewish sentence of crucifixion, a death which only cruel Rome could invent. We Jews have to cease from following in the footsteps of those people of that time and acclaim Him Son of David, the only Redeemer and Messiah who has fulfilled every promise of God in His first coming. This confession will put the Jewish people on the right track. They will then be reconciled to God. The national sin as well as all other sins will be forgiven because God said it thru Isa. 53, "And Jehovah hath laid upon him the iniquity of us all."

### ANONYMOUS LETTERS

We are receiving so many anonymous letters from readers of The Shepherd of Israel that we are now obliged to announce that we will pay no attention to any such letters which contain requests that questions be answered in our columns.

We are glad to answer all questions but if the person or persons asking the questions have not the courtesy to send their names, or are afraid to do so, then we feel that we cannot recognize such inquiries as being honest or sincere.

## BETH SAR SHALOM

**Throop Avenue and Walton St.**
**Brooklyn, N. Y.**

Come to Our Meetings

**EVERY FRIDAY - - - - 8 P. M.**
**EVERY SUNDAY - - - 8 P. M.**
**EVERY MONDAY - - - 8 P. M.**

**ALL WELCOME**

OUR TRACTS:

1. The Voice Crieth.
2. What is His Name.
3. Cain and Abel.
4. Behold a Virgin.
5. To both Houses of Israel.
6. The Argument.
7. The Logic
8. The Trinity.
9. The Golden Chapter.

**We Want Your Subscription.**

If you are receiving The Shepherd of Israel and have not subscribed for it yourself, it is because someone else has subscribed for you.

Please notice that we do not send The Shepherd of Israel to any one unless it has been ordered and paid for. Sometimes a friend will buy from us a dozen or more copies, and will mail the papers to others. Over such mailings we have no control.

The Shepherd of Israel is being received by thousands of prominent Jews in America each month; among them are lawyers, doctors, merchants, bankers, and rabbis. Many are writing us to say how much they enjoy the paper. They are beginning to realize that after all they have no future hope aside from the Lord Jesus Christ, their Saviour and Messiah.

The subscription price of The Shepherd of Israel is 50c a year. Remittance can be sent either in stamps or by postal money order.

**Become a Subscriber Today.**

**Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

טען פאר אונזערע זינד, דערפאר האבען אידען נעביך אליין געמוזט אזוי שטארק ליידען און ליידען נאך עד היום.

אויך ישעיה הנביא זאגט אונז אין קאפיטעל נ"ג, 12: „והוא חטא רבים נשא", אז דער משיח האט געטראגען די זינד פון דער גאנצער מענשהייט. אלעס וואס מיר דארפען טהון, איז, אין איהם צו גלויבען.

און אין די שלש עשרי מדות הייסט עס אויך אז „יהוה" איז איין רחום וחנון און איז „נושא עון ופשע", ד"ה, אז ישוע המשיח וואס הייסט „יהוה", (ישוע המשיח ומלך העולם) וואס איז „רחום וחנון", קאן אויך אוועקנעמען אונזער זינד וואס זענען די איינציגע סבות פון אונזער גלות. ט

## גרויסע אידען

מיר גיבען דא די אויטא־ביאגראפיע פון דעם גרויסען איד ר' שמעון בר יונה כיפא, פון בית־צידה, פאלעסטינא, המכונה שמעון פעטרוס.

ר' שמעון בר יונה'ס פאטאגראף האבען מיר נישט. ער איז געבוירען און אויפגעצויגען געווארען אין א זעהר פרומען הויז און ווען מיר דערזעהען איהם איז ער אין דער פיש אינדוסטרי. ער איז אויך זעהר פרום און ווארט מיט דער גרויסער האפנונג אויף'ן הייליגען משיח אז ער זאל ברענגען די גאולה און די נחמת ישראל, ווייל אזוי באלד ווי דער משיח ישוע האט זיך נור באוויזען אין יענער געגענד און האט איהם גערופען אז ער זאל איהם, דעם משיח נאכפאלגען, פארלאזט ער זיין גאנצע אינדוסטרי און געהט נאך דעם משיח. (מתתיהו ד. 18־24).

ר' שמעון איז געווען איינער פון די ערשטע פיאנירען וואס איז עפענטליך ארויסגעקומען פאר ישוע המשיח וועלכער האט מיט גרויס התלהבות אויף דעם הייליגען משיח ישוע אויסגערופען בפני קהל ועדה „אתה הוא המשיח בן אלהים חיים". (מתתיהו ט"ז, 16) געווענליך איז דאס דאמלס געווען א נייע זאך, און זייענדיג צווישען אזויפיעל שונאי המשיח און אין פאנאטישען ירושלים דערצו, האט אזא אפענע באקענטניס פון אונזער ר' שמעון, געקאנט קאסטען זיין לעבען! א גרויסער איד אבער, ליעבט און באקענט דעם אמת אונטער אלע אומשטענדען, בפרט ווען דער אמת איז איהם אפענבארט דירעקט פון גאט ב"ה אליין, אזוי ווי דער הייליגער משיח האט באלד דארויף באמערקט „אשריך שמעון בר יונה לא בשר ודם גלה לך זה כי אם אבי אשר בשמים".

שפעטער האבען זיך איינינע פון די ערשטע פיאנירען אבגעריסען פון ישוע המשיח צוליעב פארפאלגונגען מצד די פאנאטיקער און פיינד פון משיח.

**איהר זענט דאך א איד, טא ווארום זאלט איהר ניט וויסען ווער דער אידישער משיח איז? קומט צו אונזערע פערזאמלונגען פרייטאג און זונטאג, 8 אוהר אבענד, וועלען מיר דאס אייך ערקלערען.**

האט דער משיח אויך א פרעג געגעבען ר' שמעון'ן „ווילט איהר אויך מיך איבערלאזען? האט ר' שמעון געענטפערט: הארר, צו וועמען זאלען מיר געהן, נור ביי דיר איז דאס ווארט וואס פיהרט צום איביגען לעבען". (יוחנן ו).

און אזוי זעהען מיר איהם גאנצע דריי און א האלב יאהר נאכגעהן דעם משיח און פון איהם הערען זיין פערלדיגע טייערע תורה, אריינבליקען אין ליכטיגען געטליך פנים פון הייליגען משיח, און תמיד לערנען פון איהם גופא, און זיך פערטיג מאכען פאר דער עבודת הבורא יתברך בישוע המשיח ית"ש, און ווען די צייט איז שוין רייף געווען האט איהם דער הייליגער משיח געגעבען „סמיכה", איהם זאגענדיג דריי מאל „שמעון בר יונה, פיהר און פאסע מיינע שאף". (יוחנן כ"א, 15־18).

באלד דרויף זעהען מיר איהם שטעהן צווישען די מאסע אידען וואס זענען געקומען עולה רגל זיין נאך ירושלים ברענגען קרבנות פאר די פאריגע זינד כדי ווידער צו קאנען זינדיגען, הערען מיר ווי ר' שמעון שרייט הויך אוןווארענט זיי: „געוואלד טהוט תשובה פון אייערע שלעכטע וועגען!!" („מפעלות השליחים א' 38).

דארט זענען דאמאלס געווען אידען פון פרס ומדי, פון עילם, פון ארם נהרים, פון יהודה, קפודקיא, פנטוס, אסיא, פרוניא, פמפוליא, מצרים, לוד און רוים, פיעלע האבען זיך געוואונדערט איבער דעם גרויסען איד'ס פייערדיגע דרשה און האבען תשובה געטהון און אנגענומען ישוע המשיח אלס זייער פודה ומציל, אנדערע אבער האבען ווי געווענליך לצנות געטריבען וועגען איהם און זענען ווידער געגאנגען אין דעם אלטען זינדיגען לעבען וועלכעס פיהרט בארג אראב ביז צום שאול תחתיה.

אונזער גרויסער איד האט נישט נור גע'דרש'ענט צו אידען, נייערט ער האט אויך געטהון. איהר הערט ליעבע לעזער, געטהון ממש וואונדער. ער איז געווענליך יעדען טאג געגאנגען אין „היכל" דאווענען, און ביים אריינגאנג האט ער געטראפען זיצען א איד וואס איז געווען א געבוירענער קריפל און דארט געבעטען נדבות. האט אונזער גרויסער איד גרויס רחמנות בעקומען אויף איהם און האט איהם געזאגט „גאלד און זילבער האב איך נישט דיר צו געבען, אבער דאס וואס איך קאן יא, וועל איך דיר גערן געבען, אין נאמען פון ישוע המשיח שטעה אויף און געה. ר' שמעון האט איהם געהאלפען זיך אויפהויבען און דער געוועזענער קריפל איז געווארען אויס־קריפל. ער איז געשפרונגען און איז געלאפען לויבענדיג גאט. אלע וואס האבען איהם געקאנט תמיד זיצענדיג אלס קריפל און בעטען נדבות ביים היכל האבען דאס געזעהן און זיך פארוואונדערט אויף דעם גרויסען נס וואס איז געשעהן. (מפעלות השליחים ג).

איין אנדערש מאל האט זיך געטראפען אז אין יפו איז געווען א מידל ביים נאמען „טביתא". איינמאל איז זי עפעס קראנק געווארען און איז געשטארבען. ווי געווענליך האט מען זי מטהר געווען און זי פערטיג געמאכט צו דער קבורה. אזוי באלד ווי מ'האט אבער געהערט אז דער גרויסער איד ר' שמעון פעטרוס איז אין יענער געגענד, האט מען נאך איהם געשיקט, וויסענדיג אז ער האט א כח ווייס־איך־וואס צו טהון. ער איז געקומען און געזעהן וואס דא קומט פאר, האט ער אלע וויינענדיגע און טרויעריגע צוערשט ארויסגעשיקט פון שטוב און ער אליין האט מתפלל געווען צו גאט בשם ישוע המשיח און דאן האט ער א געשריי געגעבען „ט ב י ת א", שטעה אויף? באלד האט זי די אויגען געעפענט און האט זיך אויפגעזעצט און איז געזונד געווארען (מפעלות השליחים ט, 36־42).

און אזוי האט אונזער גרויסער איד א ברייטען בליק געהאט, די מענשהייט איז אלגעמיין מתקן צו זיין דורך ישוע המשיח, בעזאנדערס זיינע ברידער ישראל. ער איז געגאנגען דרש'ענען די בשורה טובה אין ישוע המשיח נישט נור צו אידען נייערט אויך צו גוים. ערשטענס, כדי אז אויך גוים זאלען נישט פארלוירען געהן אין זייערע זינד, ווייל דער הייליגער משיח איז געקומען מתקן זיין יעדען מענש וואס וועט נור גלויבען אין איהם. צווייטענס, האט ער דערמיט געוואלט א טובה טהון אידען, ווייל איהר ווייסט דאך אז ווען גוים, הוליגאנעס ווערען נאבעלע קריסטען אין ישוע המשיח, שלאגען זיי מעהר קיין אידען און עס איז שלום על ישראל. אט דאס האט דער גרויסער איד געוואלט און אויך געטהון. (מפעלות השליחים י"א, 1־3 און 18).

דאך האט אונזער גרויסער איד געהאט א מאסע שונאים אויך צווישען אידען און מ'האט איהם מעהרערע מאל אויך אין תפיסה געווארפען כדי ער זאל מעהר נישט דרש'ענען וועגען ישוע המשיח. פלוצים צו אלעמענס ערשטוינונג האט גאט פאר די שליחים די שווערע טיהרען פון דער תפיסה אויפגעעפענט און אט זענען זיי גאר ווידער אין היכל און דרש'ענען ווידער וועגען ישוע המשיח, צו דעם פאלק אזוי ווי צו די סנהדרין. און הערט וואס אונזער גרויסער איד זאגט צו זיי: „איהר ווילט אז מיר זאלען נישט רעדען וועגען ישוע המשיח!? אבער איך פרעג אייך, וועמען זאלען מיר בעסער הערען, גאט אדער אייך מענשען (מפעלות השליחים ה, 28, 29). יא, אונזער גרויסער איד איז אזוי אנגעגאנגען טריי מיט זיין ארבייט ביז זיין לעצטער מינוט דרש'ענענדיג די גאולה און די ישוע און די נחמה פאר אלע מענשען אין ישוע המשיח, ספעציעל צו די „צאן אובדות מבית ישראל".

איצט קאנט איהר ליעבער לעזער זעהן די ענדערונג אין אונזער גרויסען איד זייט ער איז געווארען א נאכפאלגער פון ישוע המשיח. בעפאר איז ער געווען באשעפטיגט מיט פיש, און ווער וואלט היינט פון איהם נאר געוואוסט? אבער זייט ער איז געווארען א נאכפאלגער פון ישוע המשיח האט ער זיך באשעפטיגט מיט ברענגען אויך אנדערע מענשען צו דער אמונה המשיחית און הארורך ארוים צו קומען מעבדות לחירות ומאפילה לאור גדול.


## בית שר שלום

קארנער טרופ עוו. און יואלטאן סטריט

**קומט צו אונזערע פערזאמלונגען**

**פרייטאג נאכט 8 אוהר . . . פיר מענער און פרויען**

**זאנטאג נאכט, 8 אוהר - - - פיר מענער און פרויען**

**מאנטאג נאכט 8 אוהר . . . . . . טעסטימאניאל**

מוסר שלומנו עליו ובחברתו נרפא לנו". (ישעיה נ"ג) ד"ה, אז ישוע המשיח האט דעם שליסל צו אונזער ישועה און צו אונזער נחמה, אז מיר וועלען נור גלויבען אין זיין גאולה. דאכציך, איז דאך שוין גוט — ווילען אבער אידען נישט.

אט אויף דעם קלאגט נעביך גאט ב"ה דורך ישעיה הנביא אין קאפיטעל ה: „הוי האמרים לרע טוב ולטוב רע שמים חשך לאור ואור לחשך שמים מר למתוק ומתוק למר". געוואלד ליעבע אידען, קומט ארויס פון אייער ביטערען טעות! באקענט אז „תעיתי כשה אבד" (תהלים קי"ט 176) און גלויבט אין ישוע המשיח דעם איינציגען גואל ישראל ע"פ תורת משה והנביאים.

---

## די סודות התורה

אסאך גרויסע סודות זענען פאראן אין דער הייליגער תורה וואס נור יחידי סגולה קאנען עס פון א הויכען פעדעסטאל דערזעהן און משיג זיין אזוי ווי עס הייסט אין תהלים כ"ה, 14: „סוד ד' ליראיו". נור אזעלכע קאנען דערזעהן דעם גרויסען סוד פון דער אידישער גאולה וועלכעס דארף זיין דער גרעסטער פערלאנג פון יעדען איד דאס צו זעהן און וואהרצונעמען. די גרויסע מאסען זענען קיינמאל נישט געוועזן בכח דאס אויפצופאסען און די „שמש צדקה" אין פנים צו קוקען. זיי לעבען נאך עד היום אין א „תוהו־ובהו־דיגען" לעבען, אהן האפנונג, אהן ישועה ,און אהן נחמה. דער נביא שרייט נעביך אין ירמיה ח: „הצרי אין בגלעד אם רפא אין שם כי מדוע לא עלתה ארכת בת עמי". יא גרויסער נביא עס איז יא דא א רפא... נור די געפעהרליכע חולאים האבען דעם גרויסען רפא נאך קיין געלעגענהייט געגעבען אז ער זאל זיי היילען פון דער מחלה וואס די זינד האט אויף זיי געבראכט. דער שטן לאזט זיי דאס נישט זעהן ווייל ער ווייס אז אזוי באלד אידען וועלען דאס וויסען אזוי גיך וועט דאס אידישע גלות צו אן ענד קומען און די גאולה וועט קומען אויף כל ישראל.

מיר האבען שוין אסאך מאל געשריבען און גערעדט וועגען ישוע המשיח דעם גואל ישראל על פי התורה והנביאים. מיר ווילען זיך אבער דא אבשטעלען אויף א שפוגעל נייעם סוד וואס איז בעהאלטען אין דעם הייליגען נאמען פון גאט ב"ה. אין דעם מידת הרחמים נאמען וואס איז בעצייכענט מיט „יהוה".

אין שמות קאפיטעל ו זאגט גאט: „וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב באל שדי ושמי יהוה לא נודעתי להם", און טאקע דארט אין דעם רחמים־נאמען איז די גאנצער סוד הגאולה פאראן. אדרבא הערט און פארשטעהט:

עס איז א דבר הידועה אז זייט דער חטא פון אדם הראשון ווען די מענשהייט האט אנגעהויבען בארג־אב צו געהן איז גאטס פלאן געוועזן (און איז אויך אויסגעפיהרט געווארען), אז דער הייליגער משיח זאל קומען און ברענגען א תיקון פאר די זינדיגע מענשהייט. אז דורך דעם משיח'ס ליידען און טויט זאל:

ערשטענס, די גאולה קומען מיט דעם וואס ער וועט ברענגען סליחת החטאים צו אידען און זיי מאכען פאר „בנים למקום", און

צווייטענס, צו שטיפטען גאטס מלוכה דא אויף דער וועלט.

דער תיקון זאל נעמליך זיין מיט דעם הייליגען משיח'ס ערשטען קומען אלס א ליידענדער משיח (ישעיה נ"ג) וועלכעס איז געוועזן פאר איבער 1900 יאהר צוריק. און זיין מלוכה וועט ערשט עטאבליערט זיין ביי זיין צווייטען קומען, באחרית הימים, ווען ער וועט קומען אלס מלך מלכי המלכים. אבער צווישען דיעזע צוויי פעריאדען וועט זיין א לאנגער אידישער גלות, אידען וועלען פארטריבען זיין צווישען אלער האנד נאציאנען כדי איבעראל צו זיין עדות פאר דעם אמת וואס גאט האט אונז געגעבען אין דעם הייליגען משיח.

אט דיעזער נאמען „יהוה" ענטהאלט אין זיך דעם גרויסען סוד פון ישוע המשיח'ס צוויי ערשיינונגען. דאס ערשטע מאל אלס משיח צו ליידען און צו שטערבען פאר אונזערע זינד כדי אונז א תיקון צו ברענגען אזוי ווי עס הייסט אין ישעיה נ"ג „וד' הפגיע בו את עון כלנו", און דאס צווייטע מאל אלס „מלך המשיח", ווען אלע וועלען איהם דערקענען אז דאס איז ישוע המשיח אזוי ווי עס הייסט אין זכריה י"ב „והביטו אלי את אשר דקרו" און זיין מלכות וועט דאמאלס בעגרינדעט ווערען.

אונזער תיקון געפינען מיר אין דער ערשטער העלפט פון גאטס נאמען, נעמליך אין „יה", וועלכע זענען די ראשי תיבות פון ישוע המשיח, ד"ה, אז ישוע איז דער משיח און דורך איהם וועלען מיר האבען סליחת החטאים. אין שמות י"ז הייסט עס: „כי יד על כס יה", אז דער „יד", דער כח פון גאט איז געגעבען אויף דער כסא פון „יה" (ישוע המשיח), אדער אזוי ווי מיר לייענען אין תהלים קי"ח: „עזי וזמרת יה ויהי לי לישועה", ד"ה, אז דורך „יה" (ישוע המשיח) קומט צו מיר די גאולה וישועה.

און גאטס מלוכה געפינען מיר אין די צווייטע העלפט פון גאטס נאמען, אין „וה" וועלכעס בעדייט ומלך העולם, אז ער וועט זיין דער מלך פון דער גאנצער וועלט, ווען ער וועט קומען באחרית הימים צום צווייטען מאל אלס מלך. און אט איז אלעס איינגעוויקעלט אין דעם נאמען „יהוה" וועלכעס מאכט ישוע המשיח ומלך העולם".

דאס האבען אויך די קדמונים געמיינט מיט דער תפלה וואס זיי האבען מיסד געוועזן „ליחד שם י"ה בו"ה ביהודא שלים בשם כל ישראל", ד"ה, אז די צייט זאל שוין קומען אז די י"ה זאל שוין זיין פעראייניגט מיט די ו"ה. דער נאמען „יהוה" זאל נישט מעהר צוטיילט זיין, נייערט פעראייניגט זיין, אז דאס צווייטע קומען פון ישוע המשיח וועלכעס די „ו"ה" איז אין זיך כולל זאל נישט מעהר לאנג דויערען נייערט זאל באלד קומען און ווערען דער מלך העולם.

עס איז אויך אין איינקלאנג מיט דעם וואס אידען בעטען „יחד שמך וקים מלכותך לעולם ועד", ד"ה, פעראייניג אה גאט דיין נאמען דעם נאמען י"ה מיט ו"ה, מיט דעם וואס דיין מלוכה וועט עטאבלירט ווערען פאר אימער און עביג.

אידען וויסען נעביך נישט אז מיט דעם וואס זיי ווילען נישט וויסען פון ישוע המשיח שטויסען זיי אוועק פון זיך די גאולה און זיי האלטען צוריק גאט'ס מלוכה, און גאטס נאמען קאן דאדורך נישט פעראייניגט ווערען. יא דאס אידישע גלות ווערט דאדורך פיעל פארלענגערט, וואס מיינט, מעהר פאגראמען, מעהר רדיפות אין אלע פינסטערע מקומות וואו גאטס גאולה ווערט נישט טאלערירט און גאטס מלוכה נישט ווילקאמען. ווען אידען ווילען באמת האבען די גאולה און באמת זעהן גאטס מלוכה עטאבלירט, מוזען זיי צו ערשט אליין גלויבען אין ישוע המשיח אין וועמעס הענד ליגט די אידישע גאולה, יא זיי זאלען דאס אויך צו אנדערע פארקונדיגען, און עס וועט דערמיט מקוים ווערען וואס גאט זאגט אין ישעיה מ"ג: „עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו", ווייל אידען זענען באשאפען געווארען צו זיין גאטס שליחים. (מיסיאנערן).

געשיכטע ווידערהוילט זיך אבער, פונקט אזוי ווי אידען האבען אין מצרים געזיפצט וועגען גלות מצרים און דאך האבען זיי נישט געוואלט אז משה רבינו זאל זיי בעפרייען פון גלות מצרים, נייערט זיי האבען געזאגט „מי שמך לאיש..." אזוי אויך שרייען און וויינען אידען אויך היינט אויף דעם לאנגען גרויסען גלות און ווילען דאך נישט אננעמען די גאולה פון ישוע המשיח וואס ער האט אונז געברענגט ביי זיין ערשטען קומען פאר 1900 יאהר צוריק. ליידער פערווארפען אידען דיעזע גאולה עד היום, נישט וויסענדיג וואס פאר א גרויסען שאדען זיי טהון זיך אליין.

מיר וועלען אויך איצט פארשטעהן די נבואה פון ירמיה הנביא אין קאפ. כ"ג וואס איז אין איינקלאנג מיט אונזער ענין. דארט הייסט עס: „הנה ימים באים נאם ד' והקמתי לדוד צמח צדיק ומלך מלך והשכיל ועשה משפט וצדקה בארץ בימיו תושע יהודה וישראל ישכן לבטח וזה שמו אשר יקראו יהוה צדקנו". ד"ה, אז ישוע המשיח וואס איז געוועזן ביי זיין ערשטען קומען א „צמח צדיק" א בן דוד, א משיח און א גואל, וועט ביי זיין צווייטען קומען זיין „ומלך מלך" דער מלך על כל הארץ. און אט דערזעלבער ישוע המשיח וועט הייסען „יהוה" וואס איז די ראשי תיבות: „ישוע המשיח ומלך העולם".

דאס איז אויך אין איינקלאנג מיט דער וואונדערבארער אזהרה וואס גאט ב"ה גיט אונז אין שמות כ"ג, 20, וואו עס הייסט „הנה אנכי שלח מלאך לפניך לשמרך בדרך ולהביאך אל המקום אשר הכנתי השמר מפניו ושמע בקלו אל תמר בו כי לא ישא לפשעכם כי שמי בקרבו". ד"ה, אז דער ספעציעלער געזאנטער (מלאך) וועט האבען דעם כח אונזערע זינד צו פארגעבען מיט דעם וואס ער איז געווארען אונזער משיח, און ער וועט אונז אויך ברענגען צו דעם ארט וואס ער האט פאר אונז פארבערייט. נעמליך, באחרית הימים אין זיין קעניגרייך. (יוחנן י"ד, 1, 2) און אויף דיעזער פערזענליכקייט הייסט עס דארט „כי שמי בקרבו" דער נאמען „יהוה" איז אין איהם. דערפאר ווערט דער נאמען אויך אנגערופען „דער מדת הרחמים", ווייל נור אויס רחמנות צו אונז איז דער הייליגער משיח געקומען אויף דער וועלט צו ליידען און צו שטערבען פאר אונזערע זינד.

דאס איז אויך אין איינקלאנג מיט דעם וואס אידען אליין באקענען ביים דאבענען: „גואלנו יהוה צבאות שמו". אז דער אידישער גואל, דער אידישער משיח הייסט „יהוה צבאות".

אידען, נעמט דאס אין אכט. נעמט אן גאטס אזהרה „שמע בקולו אל תמר בו כי לא ישא לפשעכם". אידען האבען ביז היינט נאך נישט געוואלט מקבל זיין ישוע המשיח וואס האט געליי־

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן י-11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען; צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

VOL. XI, No. 9 | 50 CENTS A YEAR | MAY, 1929


## צווישען פסח און שבועות

די פעריאדע צווישען די צוויי גרויסע ימים טובים, פסח און שבועות, איז א זעהר טרויעריגע ביי אידען איבער דער גאנצער וועלט. מ'טאהר נישט חתונה האבען, מ'טאהר זיך נישט אבשעהרען, מ'טאהר זיך נישט באדען. בקיצור, אידישע חכמים האבען פארבאטען אלערליי תענוגים אין דיעזע זיבען וואכען בכלל און ביז ל"ג בעומר בפרט. די אורזאך דערפון ווערט אין ש"ע הלכות שבועות סימן תצ"ג אנגעגעבען זעהר קורץ, באשר, אין דיעזער צייט זענען די תלמידים פון רבי עקיבא ליידער אויסגעשטארבען, נור אין ל"ג בעומר האט זיך די מיתה אויפגעהערט, דערפאר איז ל"ג בעומר עפעס אזוי ווי א שטיקל יום טוב. דאס איז מצד ש"ע.

לויט די היסטאריע אבער, געפינען מיר רבי עקיבא אין א שרעקליכען טעות און במילא אויך די תלמידים אין זעלבען טעות און נור אליין אט יענער שרעקליכער טעות האט די גאנצע מפלה פעראורזאכט.

מיר מיינען דעם גרויסען פעהלער וואס רבי עקיבא האט געמאכט מיט זיין געבען די הסכמה אויף בר כוכבא אז ער איז דער אידישער משיח. בר כוכבא איז געוועזן א שטארקער העלד און א שעהנע אנציהענדע פערזענליכקייט האט דער רבי עקיבא— וואס האט נור געקאנט זעהן די אויסווענדיגע ערשיינונג פון בר כוכבא — מסכים געווען אז בר כוכבא איז דער משיח אזוי ווי ער אליין האט זיך פראקלאמירט.

רבי עקיבא האט נעמליך דאצו א בעווייז געבראכט פון דעם פסוק „דרך כוכב מיעקב", (במדבר כ"ה, 17) בכן, אט דער כוכב מיינט טאקע דעם בר כוכבא. נאך אזא טייער פשט'ל האט ער אויך ארויסגעגעבען א באפעהל אז די שטארקסטע פון זיינע תלמידים און אלע אנדערע שטארקע יונגע לייט זאלען זיך אנשליסען צו דעם פאלשען משיח בר כוכבא און מאכען א רעוואלוציע געגען מלכות רוים וועמעס קייזער האט געהייסען הדריונוס. (אדריאן).

ווען דער קייזער האט געהערט אז די אידען האבען געשטיפטעט א רעוואלוציאן און האבען פערטריבען די עטליכע רוימישע סאלדאטען וואס זענען אנגעשטעלט אין ארץ ישראל אלס וואך, און אזוי נאך איז זיי געלונגען אוועק צו נעמען א שטיק פון ארץ ישראל, האט דער קייזער געשיקט א שטארקען רעגימענט סאלדאטען איינצושטילען די רעוואלוציע. דאס איז געווען אין יאהר 135 לויט די קריסטליכע צייט רעכנונג. ד"ה, צירקא 60 יאהר נאך'ן חורבן בית המקדש דורך טיטוס.

די גבורים וואס האבען געקעמפפט פאר בר כוכבא האבען אויפגעבויט איינינע פעסטונגען. איינע איז געוועזן די שטאדט ביתר. לויט די היסטאריע האט בר כוכבא געהאט 500,000 סאלדאטען מיט זיך, און וואס מעהר ער האט געזיעגט מעהר תקיף איז ער געווארען ביי זיך און ער האט פערלאנגט פון מענשען גרויסען כבוד, ווייל ער איז דאך — נאך זיין מיינונג נאך — דער אידישער משיח.

דאמאלס זענען געווען אין ארץ ישראל פיעלע טויזענטע אידען וואס האבען געגלויבט אין ישוע המשיח, וועלכע האבען לחלוטין נישט געוואלט וויסען פון פאליטיקס און זיך נישט געוואלט אנשליסען צו בר כוכבא צו געהן אין דער מלחמה. דערפאר האט אט דער בר כוכבא אנגעהויבען שטארק צו פארפאלגען די נאכפאלגער פון ישוע המשיח, ער האט זיי אויסגעטיילט גרויסע צרות און פיעלע אויך אויסגע'הרג'עט, אלץ ווייל זיי האבען איהם נישט געוואלט אנערקענען אלס דעם משיח.

אזוי האט געדויערט עטליכע יאהר אז בר כוכבא האט געהערשט אלס דער אידישער מלך המשיח. די צייט איז אבער געקומען ווען די העלדישע רוימישע סאלדאטען זענען זיי איבערפאלען און אויסגעקוילעט אלע 500,000 בר כוכבא'ס סאלדאטען. בר כוכבא אליין האט זיך באהאלטען בחדרי חדרים אין דער שטאט ביתר.

סעווערוס, דער קאמענדאנט פון די רוימישע ארמעע האט אבער אויך בר כוכבא'ן געוואלט בעקומען, האט ער געשיקט זיינע סאלדאטען איהם זוכען און ווען א סאלדאט האט איהם געפונען האט ער איהם זיין קאפ ארונטער גענומען און איהם געבראכט צו דעם קאמענדאנט סעווערוס.

אט דאס איז געוועזן די אורזאך וואס די תלמידים פון רבי עקיבא זענען אויסגעקוילעט געווארען ווי די שאף. אוי ווי טייער האבען זיי געביך באצאלט פאר יענעם גרויסען טעות!

אט אזוי האבען אידען תמיד געלעבט אין טעות און האבען תמיד געליטען דערפאר. דער טעות איז אבער תמיד געוועזן ווייל זיי האבען נישט געגלויבט אין גאטס ווארט וואס צייגט אונז בפירוש ווער דער משיח איז, אז מיר זאלען קיין טעות מאכען. דארט האט גאט ב"ה אונז געגעבען א פולע בעשרייבונג וועגען דעם משיח, פון וואו ער זאל קומען, וואו ער זאל געבוירען ווערען, יא אלע איינצעלהייטען האט אונז גאט געגעבען דורך די נביאים אז אפילו א קינד זאל עס קאנען וויסען און פארשטעהן ווער דער משיח איז, נעמליך ישוע המשיח מנצרת אין וועמען אלע נבואות זענען ערפילט געווארען. נישט בחנם זאגט ישוע המשיח אין יוחנן ה, 39: „דרשו בכתובים אשר אתם אמרים חיי עולם יש לכם והמה מעידים עלי".

דאס איז אבער ביי אידען געוועזן גאניץ א קליינער ווערטה, עס האט זיי נישט געקימערט וואס גאט זאגט נייערט דאס וואס רבי עקיבא האט געזאגט. ישוע המשיח וואס איז געקומען מיט צירקא הונדערט יאהר פריהער און איז לחלוטין בעוויזען געווארען צו זיין דער משיח אלהי יעקב, האבען אידען פארווארפען, אבער בר כוכבא אויף וועמען רבי עקיבא האט זיין חותם געשלאגען האבען אידען געפאלגט און האבען דערמיט געבראכט דאס גרעסטע אומגליק אויף אידען צו יענער צייט.

און אזוי זענען נעביך אידען ביז אויף היינטיגען טאג. דאס וואס גאט זאגט ווילען אידען נישט צוהערען אבער דאס וואס מענשען זאגען פאלגט מען יא, אויבשוין אידען ליידען דערפאר זעהר פיעל. אוי ווען אידען וואלטען נור געוואלט לערנען גאטס ווארט, דאס הייליגע תנ"ך, און זעהן אז גאט ב"ה זאגט אונז ווידער און ווידער אז ישוע מנצרת איז דער אמת'ער משיח ישראל, און ווען אידען וואלטען דאס פאלגען און איהם אננעמען אלס זייער גואל, אוי ווי באלד וואלט צו דעם לאנגען גלות אן ענד געקומען! אוי ווי באלד וואלט ישראל אויפגעהערט צו זינגען דאס „איכה" ליעד און וואלטען אמשטאט דעם זינגען א „שיר חדש", א הללויה ליעד!

עס איז א פאקט, אז אלע אידישע צרות און דאס גאנצע פינסטערע גלות קומען דאך נור צוליעב אונזערע זינד, אזוי ווי אידען זענען אליין מודה אז „ומפני חטאנו גלינו מארצנו", זאגט אבער דרויף גאט: „והוא מחלל מפשעינו מדכא מעונותינו


Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927.